כסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וואכעדיגע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק און גאון
רבינו **שמשון חיים** ב"ר נחמן מיכאל **נחמני** זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - **'בני חיי ומזוני'.**






## אמרות שמשון

### טענה פונעם ים זיך נישט צו שפאלטן | פארקערטע מחלוקת תנאים צו די שבטים האבן געוואלט אריינגיין אין ים | בנים אתם לה' אלקיכם | מחלוקת רבי מאיר און רבי יהודה איז לשיטתם אין מסכת קידושין

**וְאַתָּה הָרֵם אֶת מַטְּךָ וּנְטֵה אֶת יָדְךָ עַל הַיָּם וּבְקָעֵהוּ וְיָבֹאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּתוֹךְ הַיָּם בַּיַּבָּשָׁה (שמות יד, טז):** עס ווערט געברענגט אין מדרש (שמו"ר כא, ו), **בשעה שהלך משה אצל הים ואמר לו שיקרע, אמר לו מפניך אין אני נקרא שאני נבראתי בשלישי ואתה בשישי וכו', מה עשה הקב"ה נתן ימינו על ימינו של משה וכו' ואז הים ראה וינוס.**

ווען משה רבינו איז געקומען שפאלטן דעם ים סוף, האט זיך דער ים אנטקעגן געשטעלט און געזאגט איך וועל זיך נישט שפאַלטן פאר דיר, וויבאלד איך בין באשאפן געווארן דער דריטע טאג פון בריאת העולם, און דו ביזט נאר באשאפן געווארן דער זעקסטע טאג. איז דער אויבערשטער געקומען און כביכול געלייגט זיין רעכטע האנט אויף די רעכטע האנט פון משה רבינו און דער ים האט זיך געשפּאָלטן.

פרעגט דער 'יפת תואר' (רבי שמואל יפה אשכנזי זצ"ל), עס שטייט אין חז"ל (שמות רבה כא, ו), ווען דער אויבערשטער האט באשאפן דער ים, האט ער זיך אויסגענומען א תנאי, אז דער ים וועט זיך מוזן שפאלטן פאר כלל ישראל ווען זיי וועלן ארויסגיין פון מצרים.

אויב אזוי דארף מען פארשטיין, ווי אזוי האט דער ים זיך געקענט אנטקעגן שטעלן מיט חשבונות אז ער איז חשוב'ער פונעם מענטש? נאכדערצו ווען משה רבינו קומט מיט א קלארע באפעל פונעם באשעפער צו שפאלטן דער ים?

ענטפערט דער 'יפת תואר', דער ים האט געהאלטן, דער תנאי וואס דער אויבערשטער האט געמאכט מיט אים ווען ער איז באשאפן געווארן, איז געווען נאר אויב כלל ישראל וועט זיין ראוי. און וויבאלד אין די צייט פון יציאת מצרים האבן זיך געפונען צווישן כלל ישראל אסאך זינדיגע וואס זענען נישט געווען ראוי צו קריעת ים סוף. דעריבער האט דער ים געהאלטן ער דארף נישט אויספירן זיין תנאי פון מעשה בראשית, און ער דארף זיך נישט שפאלטן.

❖❖❖

מיט דעם קען מען ערקלערן פשט אין די פאלגנדע מחלוקת פון 'רבי מאיר' און 'רבי יהודה' (סוטה לז.):

**תניא: ר"מ אומר, בשעה שהיו ישראל עומדים על שפת הים היו השבטים מנצחין זה עם זה, זה אומר אני יורד תחילה לים וזה אומר אני יורד תחילה לים, קפץ שבטו של בנימין וכו'.**

**אמר ליה רבי יהודה לא כך היה המעשה, אלא זה אומר אין אני יורד תחילה וזה אומר וכו', קפץ נחשון בן עמינדב וירד תחילה לים שנאמר וכו'.**

רבי מאיר זאגט, אין די צייט וואס כלל ישראל איז געשטאנען פאָרנט פונעם ים, האבן זיך די שבטים געקריגט ווער עס זאל צום ערשט אריינטאנצן אין ים, יעדער האט געוואלט זיין דער ערשטער אריינצוגיין, איז געקומען שבט בנימין און אריינגעשפרינגען אין וואסער.

רבי יהודה זאגט, פונקט פארקערט, קיינער האט נישט געוואלט זיין דער ערשטער אריינצוגיין אין וואסער, ביז עס איז געקומען נחשון בן עמינדב און זיך מוסר נפש געווען און אריינגעשפרינגען אין וואסער.

לכאורה דארף מען פארשטיין פשט אין די פארקערטע מחלוקת, ר"מ האלט יעדער האט געוואלט אריינגיין, און ר"י האלט פונקט פארקערט קיינער האט נישט געוואלט אריינגיין אין ים.

מיר געפונען נאך א מחלוקת צווישן 'רבי מאיר' און 'רבי יהודה' אין גמרא מסכת קידושין (דף ל"ו ע"א):

**תניא: בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם (דברים יד, א). בזמן שאתם נוהגים מנהג בנים אתם קרויים בנים, ואם לאו אין אתם קרויים בנים, דברי רבי יהודה. רבי מאיר אומר בין כך ובין כך אתם קרויים בנים.**

רבי יהודה האלט, כלל ישראל ווערט אנגערופן 'בנים' - קינדער פונעם באשעפער נאר אויב מען איז ערליך און מען טוט דעם רצון ה'.

רבי מאיר האלט, יעדנפאַלס ווערט מען אנגערופן 'בנים לה' אלקיכם' אפילו אויב מען טוט ח"ו עבירות.

לויט דעם קען מען זאגן, די טענה פונעם ים צו משה רבינו איז געוואָנדן אין די מחלוקת רבי מאיר און רבי יהודה, צו די אידן זענען געווען ראוי אז דער ים זאל זיך שפאלטן פאר זיי אדער נישט.

לויט 'רבי יהודה' וואס האלט אז מען ווערט נאר אנגערופן 'בנים' אויב מען טוט דער רצון ה', ביי קריעת ים סוף וואס עס איז געווען זינדיגע אין כלל ישראל, האט דער ים געהאט א ריכטיגע טענה און איז נישט געווען מחויב צו שפאלטן פאר כלל ישראל, וויבאלד כלל ישראל איז נישט געווען ראוי פאר ניסים.

לויט 'רבי מאיר' וואס האלט אז אין יעדענפאַלס ווערט מען אנגערופן 'בנים', דאן אפילו אויב עס איז פאראן זינדיגע איז דער ים נאכאלץ מחויב זיך צו שפאלטן פאר כלל ישראל.

❖❖❖

מיט דעם פארשטייט מען פשט און די פארקערטע מחלוקת פון רבי מאיר און רבי יהודה (צו די שבטים האבן יא געוואלט אריינגיין אין ים אדער נישט):

לויט 'רבי יהודה' וואס האלט מען ווערט נאר אנגערופן 'בנים' אויב מ'טוט דעם רצון ה'. אויב אזוי וויבאלד עס איז געווען זינדיגע ביי יציאת מצרים איז מען נישט געווען פארזיכערט די ים וועט זיך שפאלטן, (אזוי ווי דער ים האט ווארשיינליך גע'טענה'ט צו משה רבינו). דערפאר האט זיך געפאָדערט מסירות נפש, און נחשון בן עמינדב איז געווען דער וואס האט זיך מוסר נפש געווען און אריינגעטאנצט אין וואסער.

דאקעגן רבי מאיר, וואס האלט אז שטענדיג ווערט מען אנגערופן 'בנים' פונעם אויבערשטן, דעריבער אפילו עס האט זיך געפונען זינדיגע, האבן אלע שבטים געוואלט ערשט אריינגיין אין ים, וויבאלד מען איז געווען פארזיכערט אין ניסים אז דער ים וועט זיך שפאלטן.

(פרשתינו אות ו')

❖❖❖

**די המשך איז אין עמוד ב'**

**הוצאת הגליון והפצתו להצלחת צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר**
**לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניניםׂ**

# המשך אמרות שמשון

## אויב איז נישטא קיין מחלות פארוואס דארף מען א דאקטער? | דער וואס שעדיגט קען נישט היילן | דער אויבערשטער שטראפט כדי צו היילן פון זינד

**וַיֹּאמֶר אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע לְקוֹל ה' אֱלֹהֶיךָ וְהַיָּשָׁר בְּעֵינָיו תַּעֲשֶׂה וְהַאֲזַנְתָּ לְמִצְוֹתָיו וְשָׁמַרְתָּ כָּל חֻקָּיו כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ (טז, כו):** עס איז באקאנט די קשיא וואס די וועלט פרעגט אויפן פסוק, אויב דער אויבערשטער זאגט צו עס וועט נישט קומען קיין מחלות און קרענק אויף כלל ישראל, אויב אזוי פארוואס ענדיגט צו דער פסוק: **כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ**, אויב איז נישטא קיין מחלות, פארוואס דארף מען א דאקטער?

עס ווערט גע'פסק'ענט אין שלחן ערוך (חו"מ סי' ת"כ סעיף כ"א), **אמר המזיק אני ארפא אותך וכו' אין שומעין לו אלא מביא רופא אומן ומרפאו בשכר**. אויב איינער שעדיגט א צווייטן, ווערט ער מחויב אים אויסצוהיילן. אבער ער קען נישט זאגן 'איך וועל דיר אויסהיילן', נאר ער מוז ברענגען א גוטע דאקטער און באצאלן פאר דעם. (די גמרא אין ב"ק פ"ה ע"א ערקלערט דער טעם, וויבאלד דער ניזק זאגט פארן מזיק, דו ביזט גלייך ווי א פארצוקנדע לייב וואס שעדיגט, און איך וויל זיך נישט לאזן היילן ביי דיר).

מיט דעם קען מען ערקלערן פשט אין פסוק, דער אויבערשטער איז דאך דער 'רופא' פון כלל ישראל, און אויב ח"ו דער אויבערשטער וועט שעדיגן כלל ישראל, (דורך באשטראפן מיט מחלות און קרענק), וועט ער נישט קענען אויסהיילן ווי עס ווערט גע'פסק'ענט אין שו"ע אז דער מזיק קען נישט אויסהיילן דער ניזק.

לויט דעם קומט אויס, דער אויבערשטער קען נישט שעדיגן כלל ישראל מיט מחלות און קרענק, וויבאלד ער קען זיי נישט היילן. מיט דעם פארשטייט מען פשט אין פסוק, **כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ** - עס וועט נישט קומען קיין מחלות אויף כלל ישראל. דער טעם דערפון איז - **כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ**, וויבאלד דער אויבערשטער איז דער רופא פון כלל ישראל, און עס ווערט גע'פסק'ענט, אז דער מזיק קען נישט אויסהיילן דער ניזק.

❖❖❖

**נאך** א תירוץ קען מען ענטפערן, די מכות וועלכע דער אויבערשטער האט באשטראפט די מצרים איז געקומען אלץ עונש און נקמה אויף דעם וואס זיי האבן געפייניגט די אידן אין מצרים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים קמ"ט ז), **לַעֲשׂוֹת נְקָמָה בַּגּוֹיִם**.

דעריבער זאגט דער פסוק, **כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ**, אויב עס וועט חלילה קומען יסורים אויף כלל ישראל, וועט עס נישט זיין צוליב די זעלבע סיבה פארוואס עס איז געקומען אויף די מצרים (אלץ עונש און נקמה). נאר עס וועט קומען צו אויסהיילן כלל ישראל, אז די יסורים זאל זיי דערמאנען צו תשובה טון מען זאל מער נישט זינדיגן.

דאס פירט אויס דער פסוק - **כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ**, דער אויבערשטער איז דער דאקטער פון כלל ישראל, זיי צו ריינעגן און אויסהיילן פון זייער זינד, און ווען עס קומט יסורים, וועט עס קומען בדרך רפואה, נישט אלץ עונש.

(פרשתינו אות י"ד)

❖❖❖

# גבורת שמשון

## סיפורי ישועה

### ארגאניזאציע 'מפתח של בנים' | א פרייליכן טלעפאון רוף אין אפיס | באקומען א זרע שמשון ביים יארצייט סעודה | געהאלפן געווארן מיט א צווילינג נאכן ווארטן צוואנציג יאר

**עס פארציילט הרב יעקב בערגער מראשי אירגון 'מפתח של בנים':**

**ווי** באקאנט טוט אונזער ארגאניזאציע 'מפתח של בנים' ארבעטן האנט ביי האנט מיט מכון 'האיגוד העולמי להפצת תורת הזרע שמשון'. מיר טון כסדר פארשפרייטן די הייליגע תורה פונעם 'זרע שמשון' צוזאמען מיט די גרויסע הבטחה פונעם מחבר זי"ע, פאר די וואס דארפן ליידער אנקומען צו אונזער ארגאניזאציע.

דאס טוט ארייןבלאזן הויפ'ס חיזוק און באלייכטן מיט א שיין פון האפנונג פאר די צובראכענע שטובער וואס ווארטן צו געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא. מיר טוען פארשידענע פעולות צוזאמען. א שטייגער, מיר האבן אויסגעטיילט דער ספר 'זרע שמשון' פאר אלע באטייליגטע פארפעלקער ביים יערליכן צוזאמקום, וואס דאס האט געברענגט אז פולע זאלן אנפאנגן צו לערנען דעם הייליגן ספר. און פארשטייט זיך די ישועות האבן נישט געשפעטיגט צו קומען, מיר באקומען זייער אפט בריוון און טעלעפאון קאל'ס מיט פרייליכע נייעס בס"ד ווי אידן זענען געהאלפן געווארן בזכות די מורא'דיגע סגולה.

**פאלגנד פארצייל איך ענק איין עפיזאד וואס האט לעצטנס פאסירט מיט איינער פון אונזערע מיטגלידער וואס האט באקומען זיין לאנג ערווארטעטע ישועה דורך רבינו ה'זרע שמשון' זי"ע:**

מיט א צייט צוריק קלינגט די טעלעפאון אינעם אפיס פון 'מפתח של בנים' אויפן אנדערע זייט רעדט הרב ר. ש. פון ירושלים עיה"ק, און וויל רעדן צו מיר.

הרב ר. איז א מיטליעריגע אינגערמאן וואס ווארט שוין לאנגע יארן צו געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא, און איך בין באקאנט געווארן מיט אים דורך אונזער ארגאניזאציע 'מפתח של בנים'. ווען איך בין צוגעקומען צום טעלעפאון האב איך געשפירט אז עפעס גוטע נייעס הערט זיך אויף די אנדערע זייט.

ער איז מיר מודיע מיט איין אטעם אז ער האט ב"ה זוכה געווען צו די גרויסע ישועה וואס ער ווארט שוין לאנגע יארן, און עס איז אים געבוירן געווארן א צווילינג בשעה טובה ומוצלחת, נאכדעם וואס ער ווארט שוין כמעט צוואנציג יאר!

ער פארציילט מיר ווייטער, אזוי ווי דו געדענקסט האט דיין ארגאניזאציע אפגעראכטן א יארצייט סעודה אין די יומא דהילולא פון רבינו הק' בעל ה'זרע שמשון' זי"ע, פאר א גרופע אינגעלייט וואס ווארטן צו געהאלפן בדבר ישועה ורחמים, דארט האט מען פארטיילט פאר אלע באטייליגטע דער ספר 'זרע שמשון', און דערביי האט זיך דער עולם אונטערגענומען צו אנפאנגען לערנען בקביעות דער ספר זרע שמשון.

איך - אלץ איינע פון די באטייליגטע פון די יארצייט סעודה, האב איך ווי פארשטענדליך אויך מקבל געווען צו לערנען בקביעות דעם ספר הק'. און געלויבט דער אויבערשטער, הייגט - כמעט א יאר שפעטער - שטיי איך אויף די זייט פון די געהאלפענע ב"ה, נאכדעם וואס איך האב זיך שוין געמוטשעט אזוי פיל יארן, איך האב שוין כמעט געהאלטן ביים זיך מייאש זיין, און איך קען זאגן אן קיין צווייפל אז דער זכות פון די גרויסע הבטחה פונעם בעל המחבר איז מיר זיכער בייגעשטאנען צו געהאלפן ווערן מיט מיין גרויסע ישועה, זי"ע.


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות,
צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין
צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

האיגוד העולמי להפצת תורת
זרע שמשון
מתוך הבטחת וברכת המחבר:
ועיניכם תראינה בנים בני בנים
כשתילי זיתים סביב לשלחנכם,
חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב,
גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם,
מוה"ר שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני
נלב"ע ו' אלול תקל"ט